**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער דעם דיגיטאלע יושר'דיגע פאררעכטונגען געזעץ**

***נייער געזעץ (S4104-A/A7006-B) ערמעגליכט קליענטן צו באקומען כלים און טיילן צו קענען פאררעכטן זייערע אייגענע עלעקטראנישע מאשינען***

גאווערנער קעטי האקול האט אונטערגעשריבן דעם 'דיגיטאלע יושר'דיגע פאררעכטונגען געזעץ' ( Digital Fair Repair Act - S4104-A/A7006-B) מאכנדיג ניו יארק די ערשטע סטעיט אין דאס לאנד צו גאראנטירן די רעכט צו פאררעכטן אליין מאשינען, באשיצנדיג קליענטן פון באמיאונגען דורך פירמעס צו צוריקהאלטן קאנקורענץ דורכן באגרעניצן פאררעכטונגען.

"אזוי ווי טעכנאלאגיע און סמאַרט דעווייסעס ווערן מער און מער קריטיש צו אונזערע טעגליכע לעבנס, דארפן קליענטן האבן די מעגליכקייט צו פאררעכטן די דעווייסעס אויף וועלכע זיי פארלאזן זיך אויף א צייטליכן פארנעם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער געזעץ וועט באפולמעכטיגן קליענטן מיט בעסערע אפציעס צו פאררעכטן זייערע דעווייסעס, מאקסימיזירנדיג דערמיט די דויערונג ווי לאנג זייערע דעווייסעס ארבעטן, איינשפארנדיג געלט און רעדוצירנדיג עלעקטראנישע מיסט."

**דער דיגיטאלע יושר'דיגע פאררעכטונגען געזעץ (S4104-A/A7006-B)** פארלאנגט פון אריגינעלע עקוויפמענט מעניופעקטשורערס (original equipment manufacturers, OEM) צו ארויסגעבן דיאגנאסטישע און פאררעכטונג אינפארמאציע פאר דיגיטאלע עלעקטראנישע חלקים און עקוויפמענט פאר זעלבסטשטענדיגע פאררעכטונג ביזנעסער און פאר קליענטן אויב די אינפארמאציע איבער חלקים און פאררעכטונגען ווערן אויך ארויסגעגעבן פאר פאררעכטונג ביזנעסער וועלכע זענען אויטאריזירט דורך די OEM. דער געזעץ וועט מאכן ניו יארק די ערשטע סטעיט אין דאס לאנד צו פארלאנגען אזעלכע אינפארמאציע פון OEM'ס. צו אפט איז עס שווער צו פאררעכטן דיגיטאלע חפצים צוליב באגרעניצטע צוגענגליכקייט צו חלקים און צו כלים, און אזוי אויך צוליב א מאנגל אין אנווייזונג ביכלעך און דיאגראמעס. דורכן אונטערשרייבן דעם געזעץ, באשיצט ניו יארק קליענטן און זי עפנט אויף די דיגיטאלע פאררעכטונגען מארקעט פאר קאנקורענץ מיט אלע בענעפיטן פאר קליענטן, ביזנעסער און די ענווייראמענט.

**סטעיט סענאטאר ניל ברעסלין האט געזאגט,** "דער נייער 'רעכט צו פאררעכטן' געזעץ – די ערשטע פון די סארט אין די פאראייניגטע שטאטן – וועט נישט נאר גיבן מער אויסוואהלן און ביליגערע פרייזן פאר קליענטן אויב זיי ווילן פאררעכטן זייערע עלעקטראנישע דעווייסעס, נאר עס רעדוצירט אויך באדייטנד די מאס פון עלעקטראנישע מיסט, און אין די זעלבע צייט גיבט עס מער געלעגנהייטן פאר קליינע ביזנעסער. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול צוזאמען מיט אסעמבלי מיטגלידערין פעיהי פאר זייער שטאנדהאפטיגע איבערגעגעבנקייט צו זעהן אז דער נייער געזעץ זאל אויסגעפירט ווערן."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "ניו יארק שטייט ווידעראמאל אין שפיץ פונעם לאנד – היינט מיט דעם ערשטן 'רעכט צו פאררעכטן' ביל אין די פאראייניגטע שטאטן, דער דיגיטאלע יושר'דיגע פאררעכטונגען געזעץ ווערנדיג אונטערגעשריבן – גיבנדיג דין קדימה פאר קליענטן, אויסגלייכנדיג געלעגנהייטן פאר זעלבסטשטענדיגע פאררעכטונג שאפס און רעדוצירנדיג אונזער עלעקטראנישע מיסט אין מיסט פעלדער. אונטער דעם געזעץ מוזן מעניופעקטשורערס פון עלעקטראנישע כלים ערלויבן צוטריט צו קריטישע אינפארמאציע און חלקים וועלכע פארלאנגען זיך פאר זעלבסטשטענדיגע שאפס צו קענען דורכפירן פאררעכטונגען אויף פילע עלעקטראנישע פראדוקטן, ברענגענדיג א וואקסנדע מאנאפאל אויף די פאררעכטונג מארקעט דורך די גרויסע טעכנאלאגיע פירמעס צו אן ענדע, בשעת'ן שטופן פאר קאנקורענץ. אין די זעלבע צייט רעדוצירן מיר אויך א געשאצטע 655,000 טאן אין שעדליכע עלעקטראנישע מיסט וואס ווערן אוועקגעווארפן יערליך אין ניו יארק סטעיט וואו 85% פון די מיסט קומען אן אין מיסט פעלדער. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ, פאר סענאטאר ניל ברעסלין פארן ספאנסארן די ביל אין די סענאט און פאר אלע מידלאזע יושר'דיגע פאררעכטונגען שתדלנים וועלכע האבן געארבעט פאר יארן צו ברענגען דעם דיגיטאלע יושר'דיגע פאררעכטונגען געזעץ צו דורכגעפירט ווערן. כאטש דער נייער געזעץ שפילגט אפ א שווערע פשרה נאכפאלגנדיג א שטארקע קאמפיין קעגן די רעכט צו פאררעכטן דורך גרויסע טעכנאלאגיע פירמעס, דאך בין איך שטאלץ אז קליענטן און קליינע ביזנעסער האבן געוואונען אין די ענדע. מיר זענען פול מיט האפענונג אז דאס וועט שטופן אנדערע סטעיטס צו אונטערנעמען ענליכע שריט, שטופנדיג די באמיאונג צו דורכפירן א 'רעכט צו פאררעכטן' געזעץ אויף די נאציאנאלע שטאפל און אז אלע אמעריקאנער וועלן עמטליך קענען געניסן פון א ברייטע און אמת'ע 'רעכט צו פאררעכטן'."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418